# כ׳ מנחם אב - דברי תורה פון בעל ההילולא

וי באוואוסט איז דער גאנצער לעבן פון דעם בעל ההילולא׳ געווען – לימוד התורה. סיי לערנען פאר זיך און סיי פארשפרייטן תורה צו אנדערע אידן, אפילו אין א צושטאנד פון סכנת נפשות,

און אין תורה גופא, האט ער ספעציעל זיך אפגעגעבן מיט פנימיות התורה, די נשמה פון תורה², און איר פאראייניקן מיט נגלה דתורה, דער פשוט׳ער טייטש פון דברי תורה.

> דער גאנצער לעבן פון דעם בעל ההילולא איז געווען – לימוד התורה, און ספעציעל פנימיות התורה

דעריבער איז פאסיק, אז אין דעם טאג פון זיין יארצייט, זאל מען דערמאנען, בקיצור, איינע פון די תורות פון בעל ההילולא אויף איינער פון די משניות וואס מען לערנט אין דעם טאג פון א "יארצייט";

און מ׳וועט עס ערקלערן אין אן אופן וואס זאל זיין פארשטענדלעך אפילו פאר קינדער, און וואס נאך מער – אין אן אופן אז זיי וועלן דערפון קענען ארויסנעמען אן אפלערנונג ווי צו מוסיף זיין נאכמער אין אלע זאכן פון אידישקייט, סיי ביי זיך און סיי צו אויפטאן מיט די אידן אין זייער ארום.

איינע פון די משניות וואס מען לערנט אין טאג פון א "יארצייט"³ – און מען פירט זיך צו לערנען די משנה הויך ברבים – איז:

**"מחט שהיא נתונה על מעלת המערה הי׳ מוליך ומביא במים כיון שעבר עלי׳ הגל טהורה"**: א נאדל וואס געפינט זיך

אויף דער טרעפל פון דער מקוה, שטופט מען די וואסער פון מקוה הין און צוריק און ווען דער "גל", די כוואליע פון וואסער גייט איבער דעם נאדל, איז עס טהור.

דאס מיינט: א נאדל וואס איז קליין און דין טובל'ט מען ניט אין דער טיפעניש פון מקוה, ווייל מען האט מורא אז עס וועט אריינפאלן און פארלארן גיין אין די וואסערן פון מקוה, און דעריבער לייגט מען דאס אוועק אויף דער העכסטער טרעפל פון מקוהי. און כדי צו טובל זיין דעם נאדל אין די וואסערן פון מקוה, לייגט מען אריין די הענט אין די וואסערן פון מקוה און מען שטופט זיי הין און צוריק ביז א "גל" פון וואסער דעקט איבער דעם נאדל וואס ליגט אויפן טרעפל פון מקוה, און דורך דעם ווערט עס טהור און מען קען זיך באנוצן מיט'ן נאדל פאר הייליקע ריינע זאכן.

דער אויפטו פון א נאדל איז – וואס מיט אים נייט מען און מען באהעפט צוויי זאכן צוזאמען

* * *

וואס איז די אנווייזונג און מוסר השכל פון דעם אין דער עבודת ה' פון א אידן?

דער אויפטו פון א נאדל איז – וואס מיט אים נייט מען און מען באהעפט צוויי זאכן צוזאמען ביז זיי ווערן איין זאך. צום ביישפיל: ווען מען וויל באהעפטן א טייל פון א קלייד, ווי אן ארבעל למשל, צו א גאנצער קלייד, נייט מען די צוויי טיילן צוזאמען מיט א נאדל.

ווי אזוי נייט מען צוויי זאכן צוזאמען? פריער דארף מען דורכלעכערן ביידע טיילן פון דעם בגד וואס מען וויל באהעפטן מיטן שפיץ פון דעם נאדל, און דערנאך פירט מען אריין אין אט דעם לאך א פאדעם (וואס געפינט זיך אין

צווייטן זייט פון נאדל), און דער פאדעם באהעפט צוזאמעןביידע טיילן פון בגד ביז עס ווערט איין גאנצער בגד.

ענלעך דערצו איז די ארבעט און שליחות פון יעדער אידן אויף דער וועלט – וואס דאס איז צו באהעפטן אלע גשמית'דיקע זאכן אין דער וועלט צום אויבערשטן'.

צום ביישפיל – אין דער לעבן פון א קליין אידיש קינד:

> **דערמיט וואס ער רופט אויס פאר אלעמען אז די וואסער איז באשאפן געווארן פון דעם אויבערשטן, פארבינדט ער די וואסער מיטן בורא עולם**

איידער מען עסט אדער טרינקט דארף מען מאכן א ברכה, ביז אז אויף א פשוט'ן טרונק וואסער מאכט מען די ברכה "**שהכל נהי' בדברו**" – מען אנערקענט אז אלע זאכן אין דער גאנצער וועלט (אריינגערעכנט די וואסער וואס ער טרינקט) זיינען באשאפן געווארן דורך דעם אויבערשטן, און דורך דעם באהעפט ער די וואסער מיטן אויבערשטן; דערמיט וואס ער רופט אויס און אנטפלעקט פאר אלעמען אז די וואסער איז ניט זעלבסטשטענדיק נאר עס איז באשאפן געווארן פון דעם אויבערשטן, פארבינדט ער דאך די וואסער מיטן בורא עולם.

דער אמת איז, אז דאס אליין וואס א אידיש קינד ווייס אז איידער מען טרינקט וואסער דארף מען פריער מאכן די ברכה "שהכל נהי' בדברו", מאכט אים באוואוסטזיין, אז אלע וואסערן אין דער וועלט (ניט נאר די וואסער וואס ער טרינקט) באלאנגען צום אויבערשטן;

ובמילא, ווען א אידיש קינד, וועמען מ'האט מחנך געווען אז ער דארף מאכן א ברכה "שהכל נהי' בדברו" אויף וואסער, גייט פארביי א טייך און זעט וואסער – איז דאס אליין, זיין

קוקן אויף די וואסער, וויסנדיק אז זיי זיינען באשאפן געווארן פון אויבערשטן, פארבינדט די וואסער מיטן אויבערשטן!

כאטש אפילו דארט גייען פארביי ניט-אידן, להבדיל, קינדער און עלטערע, און ווייסן און פילן גארניט – איז אבער דער אמת, אז דער אידיש קינד האט פארבונדן און באהעפט די וואסער מיט'ן אויבערשטן!

❦ ❦ ❦

פונקט ווי אין דעם משל פון "נייען", מוז מען פריער דורכלעכערן דעם בגד מיטן שפיץ פון נאדל – אזוי אויך איז דאס אין דעם נמשל, אז כדי צו באהעפטן די גשמיות פון דער וועלט מיטן אויבערשטן, דארף מען פריער "דורכלעכערן" די נידעריקייט פון גשמיות.

> כדי צו באהעפטן די גשמיות פון דער וועלט מיטן אויבערשטן, דארף מען פריער "דורכלעכערן" די נידעריקייט פון גשמיות

און דאס טוט מען מיטן "שפיץ" נאדל, וואס ווייזט אויף דער שטארקייט פון א אידן: וויסנדיק אז מ'איז דעם אויבערשטנ'ס א קינד, און דערצו זיין שליח׳ צו באהעפטן די וועלט מיט ג-טלעכקייט, ווערט א איד אינגאנצן ניט נתפעל פון גשמיות, און טראגט דעם וואס עס איז פאראן א גאר גרויסע וועלט מיט זייער א סך גשמית'דיקע זאכן וואס זיינען ניט קיין אידישע זאכן, איז ניט נאר וואס ער ווערט פון זיי ניט נתפעל, נאר פארקערט, ער "לעכערט דורך" די גשמיות דורך און דורך!

און נאכן דורכלעכערן די גשמיות פון וועלט פידט מען אריין א "פאדעם" אין דעם "לאך":

א פאדעם באדייט – מצוות, און ווי מיר געפינען ביי דער מצוה פון ציצית [וואס איז וואגיק אנטקעגן אלע מצוות׳, ווי

מען מוז ארויסגיין און זיך אראפנידערן אין דעם אָרט פון גלות און דארט פארבינדן די גשמיות פון וועלט מיטן אויבערשטן

עס שטייט "**וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה'**" – ווען מען זעט ציצית דערמאנט מען זיך אויף אלע מצוות פון אויבערשטן] – אז פריער מאכט מען א לאך אין דעם בגד און אין דעם לאך פירט מען אריין די חוטים פון ציצית.

און אין א רוחנית'דיקן זין איז דאס אזוי ביי אלע מצוות וואס ווערן געטאן מיט גשמית'דיקע זאכן, אז נאך דעם ווי מען "לעכערט" דורך די גשמיות, דארף מען אריינברענגען הייליקייט און אידישקייט אין דער גשמיות, דורך נוצן די גשמית'דיקע זאכן פאר ענינים פון תורה און מצוות, און אזוי ארום ווערן זיי באהאפטן מיט אידישקייט און ג-טלעכקייט.

---

אויף דעם זאגט די משנה אז עס איז דא א פאל וואס מען דארף טובל זיין די "מחט" אין א מקוה; ס'איז ניט ריין און טהור און עס פאדערט טהרה אין א מקוה.

דער אינהאלט דערפון אין עבודת ה' איז:

דער גאנצער ענין פון דער "מחט" איז, ווי געזאגט פריער, צו באהעפטן די גשמית'דיקע זאכן פון וועלט מיט ג-טלעכקייט. און כדי צו דורכפירן אט די שליחות, קען א איד ניט בלייבן אפגעזונדערט אין בית המקדש, אדער אפילו אין ירושלים עיר הקודש, אדער אפילו אין דער הייליקער לאנד ארץ ישראל – ווייל דארטן קומט ער דאך ניט אין פארבינדונג מיט דער גאר גרויסער וועלט וועמען מען דארף באהעפטן מיט ג-טלעכקייט;

נאר מען מוז ארויסגיין און זיך אראפנידערן אין דרויסן פון ארץ ישראל, אין דעם ארט פון גלות, וואו ס'איז מעגלעך

אז דארט זאל זיין אומריין, פארקערט פון טהרה – און דארט פארבינדן די גשמיות פון וועלט מיטן אויבערשטן.

און וויבאלד א איד מוז זיך אראפנידערן צו א ניט טהור'דיקן ארט, צוליב דורכפירן זיין שליחות אויף דער וועלט, דעריבער איז דא א מעגלעכקייט פון א פאל אז מען זאל דארפן זיך "טובל" זיין אין א מקוה אויף זיך רייניקן און ווערן טהור; מען דארף זיך באווארענען אז דאָס אראפנידערן זיך אין א גלות-אָרט זאל ניט אנרירן חס ושלום די ריינקייט און טהרה פון "א אידישן מחט"!

**א איד דארף זיך אריינטונקען אינגאנצן אין תורה, ביז עס דעקט אים איבער און נעמט אים דורך אינגאנצן**

* * *

דער וועג ווי מ'איז טובל דעם "מחט" אין מקוה איז – ווי די משנה זאגט – "מחט שהיא נתונה על מעלת המערה הי' מוליך ומביא במים כיון שעבר עלי' הגל טהורה":

"מערה" – ניט סתם א מקוה, נאר א "מערה" (הייל) וואס איז טיף אין דער ערד – ווייזט אויף דעם אראפנידערן זיך אין גלות;

נאר א איד געפינט זיך "על **מעלת** המערה" – אויף דער העכסטער טרעפל פון "מערה", נאענט צו דעם ארט פון וואַנען מען גייט ארויס פון מערה. און דער רמז דערביי איז, אז אפילו ווען א איד נידערט זיך אראפ אין גלות, געפינט ער זיך ניט אין דער טיפעניש פון דער נידעריקייט, אין א צושטאנד וואו ס'איז דאָ וואס צו מורא האבן אז ער וועט חס ושלום פארלארן גיין אין דער מערה – דער אויבערשטער גיט כח א אידן צו קענען באקעמפן די גשמיות פון וועלט בלייבנדיק "על מעלת המערה".

דערביי פאדערט זיך אבער עס זאל זיין "מוליך ומביא במים" ביז "עבר עלי' הגל":

"מים" ווייזט אויף תורה, ווי דער רמב"ם'ס זאגט אז די וואסערן פון מקוה זיינען א רמז אויף **"מי הדעת"** – די וואסערן פון ג-טלעכע וויסנשאפט. עס דארף זיין "מוליך ומביא במים" – א איד דארף זיך ארייננטונקען אינגאנצן אין תורה, ביז עס דעקט אים איבער און נעמט אים דורך אינגאנצן ("עבר עלי' הגל"); עס גייט ניט דורך א טאג ווען מען האט ניט שיעורים אין תורה במשך דעם טאג, און מען חזר'ט דברי תורה בעל פה, און אזוי ווייטער.

**עס איז גענוג עס זאל זיין בלויז איין קליינער רגע פון די צרות פון גלות און דאס אליין מאכט אונז "טהור"**

און דורך דעם – **"טהורה"**: דער "מחט" איז אינגאנצן ריין און טהור, ובמילא איז מען מצליח צו פארבינדן און באהעפטן די גאנצע וועלט צום אויבערשטן אויפן העכסטן אופן.

* * *

**נ**אך א רמז אין דער אויבנדערמאנטער משנה: "מעלת המערה" – ווייזט אויף אונזער דור, ווען מען שטייט שוין גאר נאענט צו דער גאולה האמיתית והשלימה און באלד גייט מען ארויס פון דער "מערה" פון גלות!

ובמילא טוט מען אונזער עבודה רואיקערהייט, ווייסנדיק אז אט אט גייט מען ארויס פון גלות!

"כיון שעבר עלי' הגל טהורה": דאס געפינען זיך אין גלות איז ווי א "גל", א כוואליע און פארפלייצונג פון צרות וואס ברענגט פיל יסורים רחמנא ליצלן; זאגט די משנה, אז עס איז

**דער אויבערשטער איז אונזער "מקוה" וואס מאכט אונז טהור אין דער גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו**

געגוג עס זאל זיין "עבר עלי' הגל", בלויז איין קליינער רגע פון די צרות פון גלות, "רגע קטן"[12*];

און "טהורה" – דאס אליין מאכט אונז "טהור": מען גייט באלד ארויס פון גלות און מען האט די פולקאמע טהרה פון דער גאולה האמיתית והשלימה, ווען עס וועט מקויים ווערן דער צוזאגי' "וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם" (איך וועל אויף אייך שפריצן ריינע וואסער און אייך ריין מאכן),

און "מקוה ישראל ה'"[13] – דער אויבערשטער איז אונזער "מקוה" וואס מאכט אונז טהור[14] – אין דער גאולה האמיתית והשלימה, דורך משיח צדקנו.

(כ"ף מנ"א תשמ"ט)

---

1) הרה"ג הרה"ח המקובל רבי לוי יצחק שניאורסאהן ז"ל. נולד חי' ניסן תרל"ח – נסתלק כ"ף מנחם-אב תש"ד.
2) ראה זהר חלק ג קנב, א. 3) ספר עצי עדן ומעשה אורג מהרה"ג דק"ק קאמארנא – הובא בסידור "תורה אור" ו"תהלת ה'" בסופו (סדר הלימוד לאבל וליארצייט). 4) מקואות פרק ז משנה ז. 5) בהבא לקמן – ראה ספר השיחות תש"נ חלק ב עמוד 604 ואילך. 6) ראה פירוש הרע"ב כאן. 7) ראה לקוטי תורה פרשת קרח נה, א. 8) ראה לקוטי תורה פרשת ויקרא א, ג. ובכ"מ. 9) מנחות מב, ב. 10) שלח טו, לט ובפרש"י. 11) סוף הלכות מקואות. 12) יחזקאל לו, כה. *12) ישעי' נד, ז. 13) ירמי' יז, יג. 14) ראה יומא פה, ב.